בס"ד
האזינו - שובה תשפ"ד
גליון 159

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער!**

דֶער שַׁבָּת וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שַׁבָּת שׁוּבָה' אֵיינְס פוּן דִי טַעֲמִים אִיז, ווייל אִין דֶער הַפְטָרָה לֵיינְט מֶען פוּנֶעם נָבִיא וָואס זָאגְט "שׁוּבָה יִשְׂרָאֵל עַד ה' אֱלֹקֶיךָ - אִידִישֶׁע קִינְדֶער, קֶערְט זִיךְ אוּם צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן," דֶער פָּסוּק אִיז מַמְשִׁיךְ אוּן זָאגְט "קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל הַשֵּׁם" דֶער מִדְרָשׁ (שמות רבה ל"ח) אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַאר דִי אִידְן "אֵינִי מְבַקֵּשׁ מִמְּכֶם אֶלָּא דְּבָרִים" אִיךְ בֶּעט נִישְׁט פוּן אַייךְ אִידְן בְּלוֹיז דִיבּוּרִים, דָאס מֵיינְט 'רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן', אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז כְּסֵדֶר אִין גָאר אַסַאךְ עֶרְטֶער אַז דָאס מֵיינְט תְּשׁוּבָה, זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, זִיךְ בֶּעטְן אוּן פִּיעֶטְשֶׁען בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן (ליקו"מ תנינא תורה כה. קא ועוד).

רַבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אַמָאל אָנְגֶערוּפְן: "דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן מַיין זַאךְ אִיז יוֹם כִּפּוּר," אוּן טַאקֶע אִין דִי לֶעצְטֶע שָׁעוֹת פַאר רַבִּי נָתָן אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר חַזֶר'ט אִיבֶּער אַסַאךְ מָאל דִי פָּאר וֶוערְטֶער 'חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ' אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַ דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער וָואס פַארְמֶערְט צוּ פַארְצֵייעֶן זִינְד.

עֶס אִיז דָא גָאר אַ שֵׁיינֶע הֲלָכָה אוֹיף תְּשׁוּבָה אִין סֵפֶר לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת (תְּפִלַּת הַמִּנְחָה ז' אות מ"א), וואו ר' נָתָן אִיז מְגַלֶּה אַז יֶעדֶע תְּשׁוּבָה פוּן אַ אִיד - אִין יֶעדְן מַצָּב וואו דֶער אִיד גֶעפִינְט זִיךְ נָאר, דֶערְגְרֵייכְט זַיין גֶעבֶּעט בִּיזְן כִּסֵּא הַכָּבוֹד, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען עֶס רֶעדְט זִיךְ פוּן תְּשׁוּבָה פוּן קְלֵיינֶע אוּן שְׁוַואכֶע אִידְן, טְרָאץ וָואס זֵיי פַארְמָאגְן גָאר וֵוייניג מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן יֶעדֶעס רִיר אוּן פִּינְטְל וָואס מֶען קֶערְט זִיךְ אִים צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

רַבִּי נָתָן לֶערְנְט אוּנְז אוֹיךְ אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין, אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָּבִים זָאל עֶר זִיךְ מִתְגַּבֵּר זַיין מִיט וָואס עֶר קֶען, אֲפִילוּ זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָרֶעם ווִי דִי נַאכְט אוּן אִיז אוֹיסְגֶעמִישְׁט מִיט גָאר אַסַאךְ נִישְׁט רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אִיז עֶס פָּארְט זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דָּוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט "כִּי לֹא בָזָה וְלֹא שִׁקַּץ עֱנוּת עָנִי, וְלֹא הִסְתִּיר פָּנָיו מִמֶּנּוּ וּבְשַׁוְּעוֹ אֵלָיו שָׁמֵעַ", דָאס מֵיינְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נִישְׁט מְבַזֶּה אוּן פַארְשְׁטֶעלְט נִישְׁט זַיין פָּנִים פוּן קֵיין שׁוּם אִיד, אוּן פוּן קֵיין שׁוּם תְּפִלָּה, נָאר דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַן אָב הָרַחֲמָן, אַ דֶערְבַּארֶעמְדִיגֶער פָּאטֶער.

דֶער גֶעוואלְדִיגֶער סוֹד 'אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פְרֵייט זִיךְ מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע פִּיצְקֶעלֶע מִצְוָה' אִיז נִתְגַּלֶּה גֶעוָוארְן נָאר אִין דִי לֶעצְטֶערֶע דוֹרוֹת, וָואס דִי כּוֹחוֹת פוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא פַארְלֵייגְן זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפְּצוּקְנַאקְן דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד הָאט דֶער







המשך אויף זייט 2




# אִידִישֶׁע מַלְבּוּשִׁים

## קִינְדֶער, וֶועלְכֶע סָארְט פֵּאוֹת הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעהַאט?

דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט דֶעם חֹדֶשׁ אֱלוּל סֵפֶר שִׁבְחֵי הָרַ"ן הָאבְּן זִיכֶער זִיךְ אָנְגֶעטְרָאפְן מִיט דֶעם שְׁטִיקְל ..."עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַזוֹי נָאנְט צוּ אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן עֶנְדְלִיךְ הָאט דִי שִׁיף דֶערְגְרַייכְט דִי הֵיילִיגֶע שְׁטָאט יָפוֹ אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין גֶעוָואלְט טְרֶעטְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע עֶרְד וָואס עֶר הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעגְלוּסְט אוּן גֶעבֶּענְקְט דֶערְצוּ, אָבֶּער... דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן נִישְׁט גֶעלָאזְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַרָאפְּגֵיין פוּן דֶער שִׁיף וַוייל קוּקְנְדִיג אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס מַלְבּוּשִׁים אוּן אוֹיף זַיין גֶעשְׁטֶעל אוּן לַאנְגֶע פֵּאוֹת - וָואס מֶען הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט צוּ גֵיין אִין רֶבִּי'נְס וואוֹינְאָרְט - הָאבְּן זֵיי גֶעהַאלְטְן דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַ שְׁפִּיאָן!!

מִיר זֶעעֶן פוּן דֶעם דֶערְצֵיילוּנְג אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט שֵׁיינֶע לַאנְגֶע פֵּאוֹת. אַזוֹי אוֹיךְ אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן רֶעדְט דֶער רֶבִּי דֶערְפוּן אַז דִי פֵּאוֹת הָאט תַּלְתַּלִים וָואס מִיר רוּפְן הַיינְט "גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּאוֹת".

## מַאכְן דִי פֵּאוֹת פַאר מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן שְׁטוּב

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מְסַדֵּר גֶעוֶוען זַיינֶע פֵּאוֹת פַאר עֶר ~~הָאט זִיךְ אַרוֹיס~~גֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג אוּן אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט אוּנְזֶערֶע לַייט. אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבְּן נִישְׁט מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ שְׁטַארְק צַאמְצוּדְרֵייעֶן דִי פֵּאוֹת אָבֶּער אוֹיךְ נִישְׁט עֶס זָאל זַיין שְׁטַארְק צֶעלָאזְטֶע פֵּאוֹת. (שִׂישַׂ"ק)

## דֶער עִיקָר סִימָן צְווִישְׁן אַ אִיד אוּן אַ גוֹי

ר' נָתָן שְׁרַייבְּט אַז דֶער עִיקָר חִילוּק צְווִישְׁן אַ אִיד אוּן אַ גוֹי אִיז דִי פֵּאוֹת אוּן בָּארְד, וֶועגְן דֶעם זֶעט מֶען לַיידֶער אַז וֶוען אֵיינֶער פַאלְט נֶעבֶּעך פוּן אִידִישְׁקַייט, עֶר וַוארְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת שְׁנַיידְט עֶר אַרָאפּ דִי פֵּאוֹת אוּן זַיין בָּארְד אוּן אַזוֹי פַארְלִירְט עֶר לַיידֶער דֶעם סִימָן פוּנֶעם הֵיילִיגֶער עַם-קָדוֹשׁ, דָאס אִידִישֶׁע פָאלְק.

## ווִי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן רַייךְ?

עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַז אֵיינֶער ווִיל וֶוערְן אַן עוֹשֶׁר אוּן פִירְן אַ שֵׁיינֶע בִּיזְנֶעס אוּן עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר טְשֶׁעפֶּענֶען זַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת וֶועט עֶר קֶענֶען פַארְדִינֶען מֶער גֶעלְט אוּן טְרֶעפְן חֵן בַּיי מֶענְטְשְׁן... זָאגְט אִים אָבֶּער ר' נָתָן פוּנְקְט פַארְקֶערְט, "דַיין עֲשִׁירוּת קוּמְט דַוְקָא פוּן דַיין בָּארְד אוּן פֵּאוֹת!" וַוייל דִי פֵּאוֹת בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אַז עֶס אִיז דָא 'יִרְאָה' קֶען מֶען בַּאקוּמֶען 'שֶׁפַע' אוּן מֶען דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט אַרְבֶּעטְן... דִי גֶעלְט וֶועט אַרַיינְרִינֶען

אינעם באנק-קאנטע אן צולייגן די הענט אין קאלט וואסער. דער איד קען זיצן אין עוסק זיין און תורה ועבודה און די שפע וועט קומען צו גיין. (ליקוטי הלכות גילוח ב' אות ג')

דורכן טראגן א בארד און פאות קען מען זוכה זיין צו רייכקייט...

## ווערן נאנט צום באשעפער און פארשטיין חכמות התורה

ביי אונז קוקט עס אויס ווי א הארעלע, א האר ארויף א האר אראפ אבער אז מען קוקט אריין אין ספר אוצר היראה (קומת אדם ואיבריו אות יב) שרייבט ער אז יעדעס איינציגע האר פון די הייליגע טייערע בארד און פאות זענען הייליגע צנורות - רערעלעך וואס פון זיי ווערט נמשך פאר אונז אלע חכמות התורה און מצוות, און דורך די פאות און די בארד קען מען זוכה זיין צו משיג זיין און ווערן נאנט צום אויבערשטער.

די גאנצע קדושת ישראל, תורה און תפלה אלעס ליגט אין די בארד און פאות פון א איד!!

## א שאקל מיט די פאה!

דער שטיקל אין לקוטי מוהר"ן (תורה י"ז) איז אונז אויך באקאנט. דער רבי זאגט דארט אז צומאל מאכט זיך אז עפעס א פראסטער איד גיבט א שאקל מיט זיין פאה און דער באשעפער האט דערפון א גרויס התפארות. ר' לוי יצחק בענדער האט אויסגעטייטש אז דאס מיינט אויך ווען דער איד גיבט א גוטן גיי און זיין פאות גיבט זיך א שאקל פון זיך אליין אויך דאס מיינט דער רבי, אז אויבן האט מען פון דעם שאקל א פארגעניגן.

טייערע קינדער, דער הייליגער רבי האט אונז געלערנט אז מען זאל נישט זאגן פאר יענעם וואס צו טון און וויאזוי צו גיין אנגעטון, די אלע זאכן וואס מיר האבן געשריבן איז נאר זיך צו שטארקן מיט די געוואלדיגע מתנה וואס מיר האבן די הייליגע סימנים אז מיר זענען אידישע קינדער, פארשטייט זיך אז יעדעס קינד האט זיין וועג וואס זיינע עלטערן האבן אים געלערנט און מיר האבן דאך נאך זייער א גוטע בשורה וואס דער הייליגער רבי האט אונז צוגעזאגט.

## ווער געדענקט וואו נאך דער הייליגער רבי רעדן וועגן פאות?

עס איז זיכער נישט פארהאן א קינד וואס געדענקט נישט דעם הייליגן צוזאג וואס דער הייליגער רבי האט צוגעזאגט פאר צוויי עדות. איין עדות איז געווען ר' אהרן דער רב פון ברסלב און דער צווייטער עד איז געווען דעם רבי'נס באליבטער תלמיד ר' נפתלי.

דער הייליגער רבי האט זיי אזוי געזאגט: אז אויך נאכדעם וואס דער הייליגער רבי וועט נפטר ווערן, און ווער עס וועט קומען אויף זיין קבר און זאגן די צען קאפיטלעך תהלים פונעם תיקון הכללי און געבן א פרוטה פאר צדקה, אפילו אויב דער מענטש וועט האבן זייער זייער גרויסע עבירות, זינד און חטאים חס ושלום וועט דער רבי זיך אנשטרענגען און משתדל זיין פאר אים און דער רבי האט געזאגט דעם לשון אין אידיש: איך וועל מיך לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט איך זאל אים א טובה טון, ביי די פאות וועל איך אים ארויס ציען פון דעם שאול תחתיות. איך בין שטארק מיט אלע מיינע זאכן וואס איך זאג אבער מיט דעם זאך בין איך נאך שטערקער...



# דעם רבינ'ס משלים

...המשך פון לעצטע זייט

קֶענִיג'ס מוֹיל, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז וֶוען עֶר קוּמֶען צוּם רֶעדְן מִיט אַיְיךְ, הוֹיכְגֶעשֶׁעצְטֶער קֶענִיג, וֶועט הַאלְטְן פָּארְנְט פוּן זַיין מוֹיל אַ בִּינְטְל בְּשָׂמִים, אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ פוּנֶעם קֶענִיג.

דֶער סִימָן אַז מַיינֶע ווערְטֶער זֶענֶען רִיכְטִיג וֶועט זַיין, אַז מָארְגְן וֶוען דֶער אִיד וֶועט קוּמֶען צוּם קֶענִיג, וֶועט זִיךְ דֶער קֶענִיג אַלֵיין אִיבֶּערְצֵייגְן אַז עֶר וֶועט הַאלְטְן דֶעם טִיכְל פָּארְנְט פוּן מוֹיל.

וִוי נָאר דֶער קֶענִיג הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֵייעֶר אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אוֹיב אִיךְ וֶועל זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן אַז דַיינֶע רֵייד זֶענֶען רִיכְטִיג וֶועל אִיךְ דֶעם אִיד אָפְּוִוישְׁן פוּן דֶער וֶועלְט".

אוֹיפְצוּמָארְגְנְס, קוּמְט דֶער אִיד אַרַיין צוּם קֶענִיג, הַאלְטְנְדִיג אַ טִיכְל אִין פָּארְנְט פוּן מוֹיל, וִוי דֶער פַּאשָׁא הָאט אִים פָארְגֶעשְׁלָאגְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעגְלֵייבְּט דֶעם פַּאשָׁא. וִוי נָאר דֶער קֶענִיג הָאט גֶעזֶען דִי סְצֶענֶע אוּן פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער פַּאשָׁא אִיז גֶערֶעכְט הָאט עֶר זָאפָּארְט גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו מִיט אָט דִי ווערְטֶער: "וֶוען דֶער מַאן וָואס גִיבְּט דִיר אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו וֶועט קוּמֶען צוּ דִיר זָאלְסְטוּ אִים גְלַייךְ אַרַיינְוָוארְפְן אִין קַאלֶעך-אוֹיוְון וואוּ מֶען פַארְבְּרֶענְט אַלֶע חֶבְרָה וָואס קוּמְט זִיךְ זֵיי טוֹיט שְׁטְרָאף". אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן מִיטְן זִיגְל פוּנֶעם קֶענִיג...

דֶער קֶענִיג רוּפְט זִיךְ אָן צוּם אִיד: "נֶעם דֶעם בְּרִיוו אוּן אִיךְ וִויל אַז דוּ אַלֵיינְס זָאלְסְט עֶס צוּטְרָאגְן צוּם דֶעם מַאן וָואס זַיין אַדְרֶעס שְׁטֵייט דָא אוֹיפְן קָאנְוֶוערְט."

דֶער אִיד נֶעמְט דִי בְּרִיוו אוּן זָאגְט צוּ פַארְן קֶענִיג אַז עֶר וֶועט זִיכֶער אוֹיסְפָאלְגְן דֶעם קֶענִיג'ס בַּאפֶעל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דֶער אִיד הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס אִין דֶעם בְּרִיוו שְׁטֵייט, אוּן גֵייט אַהֵיים צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ.

---

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

אֵייבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף אוּנְז אוּן גֶעשִׁיקְט צַדִּיקִים וֶועלְכֶע זֶענֶען אַ בְּחִינָה פוּן 'הִתְנוֹצְצוּת מָשִׁיחַ' אוּן זֵיי זֶענֶען מְגַלֶּה אַז כָאטְשׁ וָואס דֶער אִיד קֶען לַיידֶער זַיין אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט אוּן נֶעבֶּעכְדִיג סַיי אִין גַשְׁמִיּוּת אוּן בְּעִקָּר אִין רוּחָנִיּוּת, מִיט דֶעם אַלֶעם פַארְרֶעכְט עֶר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט יֶעדֶע קְלֵיינֶע מִצְוָה בְּמַחְשָׁבָה דִבּוּר אָדֶער מַעֲשֶׂה וָואס עֶר טוּט.

דֶער רַמְבַּ"ם אִין הִלְכוֹת תְּשׁוּבָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ דִי גְמָרָא 'עָשָׂה מִצְוָה אַחַת הִכְרִיעַ אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ לְכַף זְכוּת.' אַז אַ אִיד טוּט אֵיין מִצְוָה בֵּייגְט עֶר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּ כַּף זְכוּת, אוּן וִוי דֶער הֵיילִיגֶער

רֶבִּי זָאגְט: "אַבִּי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין פוּן צוּ בֶּעטְן אוּן שְׁרֵייעֶן," אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער רמ"א אַרָאפּ אִין הִלְכוֹת יוֹם כִּפּוּר (סִימָן תר"ז) "יוֹם הַכִּפּוּרִים מְכַפֵּר לְכָל הַמַּאֲמִינִים בְּכַפָּרָתוֹ. - דֶער טָאג יוֹם כִּפּוּר אִיז מְכַפֵּר אוֹיף דִי זִינְד פַאר אַלֶע וָואס גְלֵייבְּן אִין דִי כַּפָּרָה פוּן אָט דֶעם טָאג."

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵמָה בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אִין דִי אַלֶע דִיבּוּרִים, אוּן מִיר זָאלְן אַלֶע הָאבְּן אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

אַ לֶעכְטִיגֶע פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת

# מַעֲשֶׂה ב' – דֶער מֶלֶךְ אוּן דֶער קֵיסֶער (5)

וִוי עֶר אִיז אַרָאפּ גִיפַאלְן אִיז דָארְט (אִין זַיין שִׁיף) גִיוָוארִין אַ גְרוֹיס גֶעפּוּלְדֶער. אוּן הָאבִּין נִישְׁט גְווּאוּסְט וָואס צוּ טָאן וִוי אַזוֹי קֶערְט מֶען זִיךְ אוּם אַהֵים. וָוארְן דֶער מֶלֶךְ וֶועט שְׁטַארְבְּן פַאר צַעַר.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. זֵיי וֶועלִין צוּ גֵיין צוּ דֶער שִׁיף וָואס זֵיי זֶעהְן (דְהַיינוּ צוּ דֶער שִׁיף פוּן דֶער בַּת קֵיסֶר) טָאמֶער אִיז דָארְט דָא עֶפֶּעס אַ דָאקְטֶאר וָואס עֶר וֶועט זֵיי קֶענֶען גֶעבִּין אֵיין עֵצָה. זֶענֶען זֵיי צוּ גִיגַאנְגֶען.

אוּן הָאבִּין צוּ זֵיי גִיזָאגְט (דְהַיינוּ צוּ דִי מֶענְשְׁן וָואס זֶענֶען גִיוֶוען אוֹיף דֶער שִׁיף פוּן דֶער בַּת קֵיסֶר) אַז זֵיי זָאלִין קֵיין מוֹרָא נִיט הָאבִּין. וָוארִין זֵיי וֶועלִין זֵיי גָאר נִיט טוּן. אוּן הָאבְּן זֵיי גִיפְרֶעגְט. טָאמֶער אִיז צְווִישְׁן אַייךְ דָא אֵיין דָאקְטֶאר וָואס עֶר זָאל אוּנְז גֶעבִּין אֵיין עֵצָה.

אוּן הָאבְּן זֵיי דֶער צֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה. אוּן אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז אַרַיין גִיפַאלְן אִין יַם אַרַיין. הָאט דִי בַּת קֵיסֶר גִיזָאגְט אַז מֶען זָאל אִים אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם יַם. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין אִים גִיפוּנֶען אוּן הָאבִּין אִים אַרוֹיס גִינוּמֶען.

הָאט דִי בַּת קֵיסֶר גִינוּמֶען דֶעם דֵפֶּק אִין דֶער הַאנְד. אוּן הָאט גִיזָאגְט דֶער מוֹחַ אִיז אִים פַאר בְּרֶענְט גִיוָוארְן. זֶענֶען זֵיי גִיגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין צוּ רִיסְן דֶעם מוֹחַ. הָאבִּין זֵיי גִיזֶעהְן אַז עֶס אִיז אַזוֹי וִוי זִי הָאט גִיזָאגְט. זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר נִבְהָל גִיוָוארִין (דְהַיינוּ עֶס אִיז בַּיי זֵיי זֵייעֶר אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ גִיוֶוען וִוי דֶער דָאקְטֶאר דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסֶר הָאט אַזוֹי צוּ גִיטְרָאפִין)

אוּן הָאבִּין זִי גִיבֶּעטִין. אַז זִי זָאל מִיט זֵיי אִין אֵיינֶעם גֵיין צוּ זֵיי אַהֵיים. וֶועט זִי זַיין אַ דָאקְטֶאר בַּיי דֶעם מֶלֶךְ. אוּן וֶועט בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב זַיין. הָאט זִי נִיט גִיוָואלְט אוּן זִי הָאט גִיזָאגְט. זִי אִיז גָאר קֵיין דָאקְטֶאר נִיט נָאר זִי וֵוייסְט אַזוֹי דִי זַאכִין.

אוּן דִי לַייט פוּן דֶער שִׁיף פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ הַנַ"ל הָאבִּין שׁוֹין נִיט גִיוָואלְט אוּם קֶערִין זִיךְ אַהֵיים. זֶענֶען גִיגַאנְגֶען דִי בֵּיידֶע שִׁיפִין אִין אֵיינֶעם.

אִיז זֵייעֶר גִיפֶעלִין דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. אַז זֵייעֶר מַלְכָּה (דְהַיינוּ דָאס וַוייבּ פוּן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ) זָאל נֶעמֶן דֶעם דָאקְטֶאר (דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסֶר וָואס זִי אִיז גִיגַאנְגֶען גִיקְלֵייט וִוי אַ זָכָר אוּן זֵיי הָאבִּין גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ דָאקְטֶאר) מַחְמַת זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם זֵייעֶר. דְרוּם הָאבְּן זֵיי גִיוָואלְט אַז דִי מַלְכָּה זָאל נֶעמֶען דֶעם דָאקְטֶאר (דְהַיינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) אוּן עֶר זָאל בַּיי זֵיי וֶוערִין מֶלֶךְ.

אוּן זֵייעֶר אַלְטִין מֶלֶךְ (דְהַיינוּ דֶעם פָּאטֶער פוּן דֶעם מֶלֶךְ) זָאלִין זֵיי הַרְגִינֶען נָאר זֵיי

הָאבִּין זִיךְ גִישֶׁעמְט דָאס צוּ רֵיידִין דֶער מַלְכָּה. אַז זִי זָאל נֶעמֶען אַ דָאקְטֶאר. דֶער מַלְכָּה אִיז אָבֶּער אוֹיךְ זֵייעֶר גִיפֶעלְן אַז זִי זָאל נֶעמֶען דֶעם דָאקְטֶאר.

נָאר זִי הָאט מוֹרָא גִיהַאט פַּאר דֶער מְדִינָה. טָאמֶער וֶועלִין זֵיי נִיט וֶועלְן אַז עֶר זָאל זַיין מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןְ זֵיי זָאלִין מַאכְן בַּאלִין (דְהַיְינוּ סְעוּדוֹת) כְּדֵי בַּיי דֶעם טְרוּנְק בְּשַׁעַת חֶדְוָה זָאל מֶען קֶענֶען דֶער פוּן שְׁמוּסִין. הָאבִּין זֵיי גִימַאכְט אַ בַּאל בַּיי אִיטְלִיכֶען אִין אַ בַּאזוּנְדֶערִין טָאג.

אַז עֶס אִיז גִיקוּמֶען דֶער בַּאל פוּן דֶעם דָאקְטֶאר (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) הָאט עֶר זֵיי גִיגֶעבִּין פוּן זַיין וַויין וָואס עֶר הָאט גִיהַאט כַּנַ״ל זֶענֶען זֵיי שִׁיכּוֹר גִיוָוארְן. בְּשַׁעַת חֶדְוָה. הָאבִּין זִיךְ דִי שָׂרֵי מְלוּכָה אָן גִירוּפִין. וָואס פַאר אַ שֵׁיינְקֵייט דָאס וָואלְט גִיוֶוען. אַז דִי מַלְכָּה זָאל נֶעמֶען דֶעם דָאקְטֶאר.

הָאט זִיךְ דֶער דָאקְטֶאר (דְהַיְינוּ דִי בַּת קֵיסֶר) אָן גִירוּפְן עֶס וָואלְט בְּוַודְאַי זֵייעֶר שֵׁיין גִיוֶוען נָאר אַז מֶען זָאל דָאס רֵיידִין נִיט מִיט אֵיין פַּאר טְרוּנְקִין מוֹיל. דִי מַלְכָּה הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָן גִירוּפְן עֶס וָואלְט זֵייעֶר שֵׁיין גִיוֶוען אַז זִי זָאל נֶעמֶען דֶעם דָאקְטֶאר. נָאר דִי מְדִינָה זָאל דְרוֹיף מַסְכִּים זַיין.

הָאט זִיךְ וִוידֶער דֶער דָאקְטֶאר אָן גִירוּפִין. עֶס וָואלְט בְּוַודְאַי זֵייעֶר שֵׁיין גִיוֶוען נָאר אַז מֶען זָאל דָאס רֵיידִין נִיט מִיט קֵיין פַּאר טְרוּנְקִין מוֹיל. נָאךְ דֶעם אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִינִיכְטֶערְט פוּן דֶעם שִׁכְרוּת.

הָאבִּין זִיךְ דֶער מַאנְט דִי שָׂרִים. וָואס זֵיי הָאבִּין דָא גִיזָאגְט. אוּן הָאבִּין זִיךְ גִישֶׁעמְט פַאר דֶער מַלְכָּה. וָואס זֵיי הָאבִּין אַזוֹינְס גִיזָאגְט. נָאר זֵיי הָאבִּין זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. דִי מַלְכָּה אַלֵיין הָאט דוּךְ אוֹיךְ דָאס גִיזָאגְט.

אוּן דִי מַלְכָּה הָאט זִיךְ אוֹיךְ גִישֶׁעמְט פַאר זֵיי. נָאר זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען זֵיי אַלֵיין הָאבִּין דוּךְ אוֹיךְ דָאס גִיזָאגְט. דֶער וַוייל הָאט מֶען אָן גִיהוֹיבִּין דֶער פוּן צוּ שְׁמוּסִין. אִיז אַזוֹי גִיבְּלִיבְּן.

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מִתְחַתֵּן גִיוֶוען דִי מַלְכָּה מִיט דֶעם דָאקְטֶאר (דְהַיְינוּ מִיט דֶער בַּת קֵיסֶר וָואס זֵיי הָאבְּן גִימֵיינְט אַז דָאס אִיז אֵיין דָאקְטֶאר כַּנַ״ל) אוּן זֶענֶען גִיגַאנְגֶען אַהֵיים צוּ זֵייעֶר מְדִינָה.

וִוי דִי מְדִינָה הָאט דֶער זֶעהְן אַז זֵיי קוּמֶען זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוָוארִין. וָוארִין עֶס אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אַ לַאנְגֶע צַייט. אַז דֶער בֶּן מֶלֶךְ אִיז אַוֶועק מִיט דֶער שִׁיף. אוּן מִיהָאט נִיט גְווּאוּסְט וִוי עֶר אִיז. אוּן דֶער אַלְטֶער מֶלֶךְ אִיז דֶער וַוייל גִישְׁטָארְבִּין. אֵיי זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען.

:pe ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## דֶער מֶלֶךְ אוּן דֶער קֵייסֶער (5)

**א.** האט די בת קיסר געזאגט אז זי איז א דאקטער, אדער נישט?
- ❑ יא! אז זי איז א דאקטער
- ❑ זי איז אמאל געווען א דאקטער
- ❑ אז זי איז נישט קיין דאקטער

**ב.** וואס איז געפעלין פאר די שרי המלוכה?
- ❑ אז זייער מלכה זאל חתונה האבן מיט דעם דאקטער און דער דאקטער וועט זיין מלך
- ❑ אז זיי זאלן הרג'ענען דעם אלטן מלך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג.** וואס האבן די שרים געזאגט ביי די באל פון דעם דאקטער?
- ❑ וואספארא שיינקייט וואלט געווען אז די מלכה זאל נעמען דעם דאקטער
- ❑ וואו גוט וואלט געווען ווען מ'הרג'ט דעם אלטן מלך
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד.** וואס האט זיך דער דאקטער אנגערופן?
- ❑ זייער גוט
- ❑ זייער גוט נאר מ'זאל דאס רעדן אין קעניגליכן פאלאץ
- ❑ עס וואלט זייער שיין געווען נאר מ'זאל דאס רעדן נישט מיט א פארטרונקענעם מויל

**ה.** וויפיל מאל שטייט אין די מעשה די פריערדיגע ענטפער פון דער דאקטער?
- ❑ איין מאל
- ❑ צוויי מאל
- ❑ דריי מאל

**ו.** האבן זיך די מלכה און דער דאקטער מתחתן געווען?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ די מלכה האט זיך משדך געווען מיט דעם בן הסוחר

**ז.** האט נאך דער מלך געלעבט ווען די מלכה און דער דאקטער זענען אנגעקומען?
- ❑ יא
- ❑ ער איז געווען קראנק
- ❑ ניין

**דער געווינער אויף מלך און קייסער #4**
**איז הילד החשוב שמעון זושא ראזנבערג, בית שמש**

**די מתנה ליגט ביים משגיח אין ת״ת ברסלב בית שמש / ירושלים**



**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72   646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

בַּיים טֶערקִישְׁן קֶענִיג אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד וָואס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן בַּאלִיבְּט בַּיי אִים, דָאס לִיבְשַׁאפְט צוּ דֶעם אִיד אִיז גֶעוֶוען מֶער פוּן אַלֶע הֶערְן פוּן זַיין קֶענִיגְרֵייךְ. יֶעדְן טָאג פְלֶעגְט דֶער קֶענִיג אִים רוּפְן צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב אוּן פַאבְּרֶענְגֶען אוּן הֲנָאָה הָאבְּן צוּזַאמֶען מִיט אִים. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי שָׂרֵי מְלוּכָה הָאבְּן זֵייעֶר מְקַנֵּא גֶעוֶוען אוּן שְׁטֶענְדִיג גֶעטְרַאכְט אַלֶע סָארְטְן עֲלִילוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וָואס זֵיי קֶענֶען אוֹיסְטְרַאכְטְן קֶעגְן דֶעם אִיד אִים צוּ פַארְלֶענְדְן פוּן דֶער וֶועלְט.

צְווִישְׁן אַלֶע הֶערְן אִיז גֶעוֶוען אֵיין פַּאשַׁא וָואס מֶען הָאט גֶערוּפְן "קַאפִּצִין פַּאשַׁא", דֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרֶעסְטֶער שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל מֶער פוּן אַלֶע שָׂרִים, פַאר דִי אִידְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעווִיזְן ווִי אַ לִיבּ-הָאבֶּער, אָבֶּער בַּיי זִיךְ אִין הַארְצְן הָאט עֶר יֶעדְן טָאג פְּלַאנִירְט אַלֶע סָארְטְן פְּלֶענֶער צוּ טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַן אוֹיסְגֶעטְרַאכְטְן בִּלְבּוּל קֶעגְן דֶעם אִיד.

אֵיין טָאג קוּמְט דֶער קַאפִּצִין פַּאשַׁא צוּם אִיד אוּן הֵייבְּט אָן פִירְן מִיט אִים אַ פַארְפִירֶערִישֶׁע שְׁמוּעֶס. עֶר פַארְצֵיילְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיים קֶענִיג, אוּן גֶעהֶערְט פוּן קֶענִיגְס מוֹיל אַז עֶר הָאט דִיר זֵייעֶר לִיבּ, אָבֶּער פוּן אֵיין זַאךְ הָאט עֶר יִסוּרִים, אַז וֶוען דוּ קוּמְסְט צוּ אִים רֶעדְן קֶען עֶר נִישְׁט פַארְנֶעמֶען דִי רֵיחַ פוּן דַיין מוֹיל, עֶר שְׁפִּירְט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע גֶערוּךְ פוּן דַיין מוֹיל. אָבֶּער פָארְט קֶען עֶר נִישְׁט זַיין אָן דִיר, דֶעריבֶּער הָאט דֶער קֶענִיג גְרוֹיס צַעַר דֶערְפוּן.

"מַיין עֵצָה אִיז" זָאגְט דֶער פַּאשַׁא, "וֶוען אִימֶער דוּ וֶועסְט קוּמֶען צוּם קֶענִיג לֵייג צוּ אַ טַאשׁ-טִיכְל מִיט בְּשָׂמִים אוֹיף דַיין מוֹיל וֶועט דֶער קֶענִיג נִישְׁט שְׁפִּירְן דֶעם שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ, וַוייל דִי בְּשָׂמִים וֶועט אָפְּטוּן דֶעם רֵיחַ, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן אִין דִי אוֹיגְן פוּנֶעם קֶענִיג."

דֶער אִיד מִיט זַיין גְרוֹיס תְּמִימוּת הָאט אִים גֶעגְלֵייבְּט אוּן בַּאשְׁלָאסְן בַּיי זִיךְ אַזוֹי צוּ טוּן.

דֶער פַּאשַׁא הָאט גְלַייךְ דֶערוּף גֶעוָואנְדְן זַיינֶע טְרִיט צוּם קֶענִיג אוּן דֶערְצֵיילְט אִים אַז דֶער אִיד - דֶעם קֶענִיגְס לִיבּ-הָאבֶּער הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים, וַוייל וֶוען עֶר רֶעדְט צוּם קֶענִיג שְׁפִּירְט עֶר ווִי עֶס קוּמְט אַרוֹיס אַ שְׁלֶעכְטֶע גֶערוּךְ פוּן

המשך אויף זייט 4

